# COVID-19
# באצאלטע קראנקהייט אורלויב

## ארבעטערס

ניו יארק ארבעטער זענען גאראנטירט ארבעט שיץ און פינאנציעלע פארגוטיגונג ווען זיי זענען אויסגעשטעלט צו א **געפאדערטע אדער פאראויס-שיצנדע קווארענטין/איזאלירונג באפעל** צוליב COVID-19.

### איר זענט בארעכטיגט צו די פאלגנדע שיצונגען און בענעפיטן אויב איר זענט אויסגעשטעלט צו א געפאדערטע אדער פאראויס-שיצנדע קווארענטין באפעל:

אויב איר ארבעט פאר א ביזנעס מיט **10 אדער ווייניגער** ארבעטער און עס האט געהאט א **נעט איינקונפט פון ווייניגער ווי $1 מיליאן** פאריגע יאר, זענט איר בארעכטיגט צו:

- גאראנטירטע ארבעט שיץ פאר די לענג פון די קווארענטין באפעל.
- באצאלטע פאמיליע אורלויב (Paid Family Leave, PFL) און דיסאבילטי בענעפיטן (DB) דורך אייער ארבעטסגעבער'ס אנגייענדע פאליסי. איר קענט באקומען אייער געהאלט ביז צו א מאקסימום פון $2,884.62 אלעס צוזאמען יעדע וואך פאר די לענג פון אייער געפאדערטע אדער פאראויס-שיצנדע קווארענטין.

אויב איר ארבעט פאר א ביזנעס מיט **10 אדער ווייניגער** ארבעטער און עס האט געהאט א **נעט איינקונפט פון מער ווי $1 מיליאן** פאריגע יאר, זענט איר בארעכטיגט צו:

- **כאטש 5 טעג פון COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב** און גאראנטירטע ארבעט שיץ פאר די לענג פון די קווארענטין באפעל.
- נאך די COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב טעג, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר PFL און DB דורך אייער ארבעטסגעבער'ס אנגייענדע פאליסי. איר קענט באקומען אייער געהאלט ביז צו א מאקסימום פון $2,884.62 אלעס צוזאמען יעדע וואך פאר די לענג פון אייער געפאדערטע אדער פאראויס-שיצנדע קווארענטין.

אויב איר ארבעט פאר א ביזנעס מיט **11-99** ארבעטער, זענט איר בארעכטיגט צו:

- **כאטש 5 טעג פון COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב** און גאראנטירטע ארבעט שיץ פאר די לענג פון די קווארענטין באפעל.
- נאך די COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב טעג, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר PFL און DB דורך אייער ארבעטסגעבער'ס אנגייענדע פאליסי. איר קענט באקומען אייער געהאלט ביז צו א מאקסימום פון $2,884.62 אלעס צוזאמען יעדע וואך פאר די לענג פון אייער געפאדערטע אדער פאראויס-שיצנדע קווארענטין.

אויב איר ארבעט פאר א ביזנעס מיט **100 אדער מער** ארבעטער, זענט איר בארעכטיגט צו:

- גאראנטירטע ארבעט שיץ פאר די לענג פון די קווארענטין באפעל.
- **כאטש 14 טעג פון COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב לענגאויס די באפעל פון קווארענטין.**

אויב איר ארבעט פאר א פאבליק ארבעטסגעבער (אפגעזען פון די צאל ארבעטער), זענט איר בארעכטיגט צו:

- **כאטש 14 טעג פון COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב לענגאויס די באפעל פון קווארענטין.**

### וויכטיגע באמערקונגען:

- **אויב איר זענט אין קווארענטין אבער איר קענט ארבעטן פון שטוב זענט איר נישט בארעכטיגט פאר די בענעפיטן.**
- ניו יארק'ס COVID-19 קווארענטין אורלויב בענעפיטן זענען בלויז אוועילעבל דורכאויס די באפעל פון קווארענטין אדער איזאלירונג. איינמאל א מענטש איז מער נישט אויסגעשטעלט צו א באפעל פון קווארענטין אדער איזאלירונג, זענען זיי מער נישט בארעכטיגט פאר ניו יארק'ס COVID-19 קווארענטין אורלויב בענעפיטן.
- אויב אייער ביזנעס איז פארמאכט צוליב COVID-19, קענען אייערע ארבעטער זיך זאפארט איינגעבן פאר ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס.

### פראגעס:

- פאר מער אינפארמאציע גייט צו **paidfamilyleave.ny.gov/COVID19**
- COVID-19 באצאלטע קראנקהייט אורלויב האטליין: **844-337-6303**

CD8Y (2/22)